# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:24
מוצאי יו"ט.......................7:49

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............מלכים-ב' כ"ג-כ"ד
בבלי........................מנחות נ"ב
ירושלמי.................ברכות נ"ח
תוספתא.........מנחות פרק י"א
רמב"ם..........מתנות עניים ה'

שמיני עצרת, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 3 (363)


## שִׂמְחַת תּוֹרָה

רֶבִּי נָתָן ז"ע הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רצ"ט) אַז עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַלֵיין גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וִוי פְרֵיילִיךְ ס'אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים, אַז דֶער עוֹלָם הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייְדְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם. אוֹיךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט אַז אֵיינְמָאל שִׂמְחַת תּוֹרָה אִיז עֶר גֶעוֶוען אַלֵיין בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אַלֵיין אֲפִילוּ וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען.

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵת רָצוֹן וָואס ס'אִיז דָא וֶוען אִידְן טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חַיִים וִיטַאל ז"ע הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף זַיין רֶבִּי'ן דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַלּוּלָב, פֶּרֶק ח') אַז עֶר פְלֶעגְט טַאנְצְן דִי זִיבְּן הַקָּפוֹת מִיט דִי תּוֹרָה, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אוּן אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעקוּקְט וואוּ ס'אִיז דָא נָאךְ אַ שׁוּל וואוּ מְ'הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן טַאנְצְן, אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ דָארְט אַרַיין צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זֵיי, אוּן וֶוען מֶען הָאט דָארְט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וואוּ ס'אִיז דָא נָאךְ אַ שׁוּל וואוּ מְ'טַאנְצְט נָאךְ, עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט טַאנְצְן נָאךְ אוּן נָאךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אֵיינְמָאל הָאט מָרַת אָדֶל ע"ה, דִי טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב ז"ע, זִיךְ צוּגֶעקוּקְט וִוי אַזוֹי דִי תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, אוּן זִי הָאט גֶעזֶען וִוי אֵיין תַּלְמִיד זִיצְט פוּן דִי זַייט אוּן עֶר טַאנְצְט נִישְׁט, וֶוען זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר טַאנְצְט נִישְׁט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זַיין שִׁיךְ הָאט זִיךְ אִים צוּרִיסְן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט טַאנְצְן מִיט אַלֶע חֲבֵרִים, הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זִי וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען נַייעֶ שִׁיךְ צִי עֶר זָאגְט אִיר צוּ אַז זִי וֶועט גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגֶל בִּיז אַ יָאר, הָאט עֶר אִיר צוּגֶעזָאגְט, אוּן זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט שִׁיךְ, אוּן יֶענֶעם יָאר הָאט זִי גֶעבּוֹירְן אִיר גְרוֹיסֶער זוּן דֶער רֶבִּי רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ ז"ע. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס מֶען קֶען פוֹעֶלְ'ן דוּרְךְ דִי טַאנְצְן פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה.

בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב ז"ע זֶענֶען אַמָאל גֶעטַאנְצְן דִי תַּלְמִידִים אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְשְׁטִיג אִיז גֶעוֶוען אֵיין תַּלְמִיד וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי גַאנְצֶע צַייט בְּרֶענְגֶען וַויין פוּן קֶעלֶער אַז דֶער עוֹלָם זָאל טְרִינְקֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה.

דִי וַויין אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען פוּנֶעם קֶעלֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט וַויין פַאר קִידוּשׁ אוּן הַבְדָּלָה פַארְ'ן גַאנְצְן יָאר. אוּן וֶוען דִי וַוייבּ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶען אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ נֶעמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ וַויין, הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט אַז בַּאלְד וֶועט שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין וַויין פַארְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּ קִידוּשׁ מַאכְן, הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר אִיר מַאן אַז עֶר זָאל זָאגְן פַאר דִי תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ טְרִינְקֶען אוּן טַאנְצְן, וַוייל עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין וַויין מֶער אִין קֶעלֶער. הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיר גֶעזָאגְט, "דוּ זָאגְסְט גוּט, גֵיי דוּ אַלֵיין אוּן זָאג זֵיי אַז זֵיי זָאלְן שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן".

וֶוען זִי אִיז אָבֶער גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, הָאט זִי גֶעזֶען דִי פֵייעֶר וָואס נֶעמְט אַרוּם דִי תַּלְמִידִים, וִוי זֵיי טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה מִיט אַזַא בְּרֶען אוּן הִתְלַהֲבוּת מִיט אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. אוּן דַאן הָאט זִי מֶער נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן זֵיי זָאגְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן, נָאר אַדְּרַבָּה זִי אַלֵיין אִיז גֶעגַאנְגֶען זֵיי בְּרֶענְגֶען נָאךְ וַויין אַז זֵיי זָאלְן וַוייטֶער טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה.

זֶעעֶן מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה. אוּן כָאטְשׁ אַז מִיר טְרִינְקֶען נִישְׁט קַיין וַויין, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגְלַייכְן אוּנְזֶערֶע מוֹחוֹת צוּ דִי מוֹחוֹת פוּן דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב ז"ע, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ו), אָבֶער אַזוֹיפִיל קֶענֶען מִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוּן צוּ טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס בְּרֶען.

רֶבִּי נָתָן הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מְ'זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין וַויין אוּן בְּרוֹינְפְן אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה, מְ'דַארְף נָאר טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה, נִישְׁט מִיט דִי אַלְקָאהָאל, וָואס דָאס מַאכְט אַז מְ'זָאל נִישְׁט קֶענֶען גֶעהֶערִיג דַאוֶוענֶען, אוּן דִי גַאנְצֶע שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶוערְט נָאר צֶעשְׁטֶערְט.

אִין גֶעוִויסֶע פְלֶעצֶער אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה מַאכְט מֶען חוֹזֶק פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, מְ'וַוארְפְט זַאכְן אוֹיף אִים אוּן מְ'שְׁטֶערְט אִים אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען. דָאס אִיז אַ נַארִישֶׁער מִנְהָג אָן קַיין מְקוֹר, וַוייל אוֹיבּ דְרֵייט מֶען אִיבֶּער דִי שׁוּל אוּן מְ'שְׁטֶערְט, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה נָאר הוֹלְלוֹת. אוּן מְ'טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַז מְ'פְרֵייְדְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן טְרִינְקֶען זִיךְ אָן אוּן טוּעֶן ווילְדֶע זַאכְן, אִיז נָאר וַוייל זֵיי ווילְן אַזוֹי שְׁטַארְק וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעבֶּעךְ אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס וֶועט זֵיי מַאכְן פְרֵיילִיךְ. דָאס אִיז אָבֶער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, מְ'טַאנְצְט טַאקֶע אוּן מְ'מַאכְט זִיךְ אֲפִילוּ נַארִישׁ צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, דָאס דַארְף אָבֶער זַיין מִיט אַ קְלָארֶע מֹחַ, צוּ הַאלְטְן קָאפּ אוּן גֶעדֶענְקֶען מִיט וָואס מְ'פְרֵייְדְט זִיךְ, צוּ וָואס מְ'ווִיל צוּקוּמֶען, מִיט וָואס מֶען וִויל אֱמֶת'דִיג זִיךְ פְרֵייעֶן. דִי צִיל צוּ וָואס מְ'ווִיל צוּקוּמֶען אִיז נָאר זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל נָאר דָאס קֶען אֱמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ מֶענְטְשׁ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְקַבֵּל אַז פוּן יֶעצְט וֶועט עֶר שׁוֹין לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (הִלְכוֹת לוּלָב, פֶּרֶק ח', הֲלָכָה ט"ו) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט, עֶר דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוער ס'אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין עֲבוֹדַת ה' קֶען בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי דִי תּוֹכָחָה אַז דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן וֶועלְן קוּמֶען וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט אַ פְרֵיילִיךְ הַארְץ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כ"ח, מ"ז), "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב". אוּן וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן ס'פַּאסְט אִים נִישְׁט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ זִינְדִיגֶער אוּן נַארִישֶׁער מֶענְטְשׁ, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ"ה, ו') "אַל תִּתְהַדַּר לִפְנֵי מֶלֶךְ", אוּן פַארְקֶערְט, וֶוער ס'קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיין אֵייגְן כָּבוֹד, עֶר טַאנְצְט אוּן עֶר פְרֵייְדְט זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיין תּוֹרָה, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט דִי רִיכְטִיגֶע כָּבוֹד, אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען אַרוֹיפְקוּקְן, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוּאֵל-ב' ו', כ"ב) "וּנְקַלֹּתִי עוֹד מִזֹּאת וְהָיִיתִי שָׁפָל בְּעֵינָי", וֶוען מְ'הָאט גֶעטְרָאגְן דֶעם הֵיילִיגְן אָרוֹן הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייְדְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שָׁם, ט"ז) "וַתֵּרֶא אֶת הַמֶּלֶךְ דָּוִד מְפַזֵּז וּמְכַרְכֵּר לִפְנֵי ה'", עֶס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז מְ'קוּקְט אִים אַרָאפּ, עֶס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז עֶר וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט נָאר גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייְדְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר דִי כָּבוֹד פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי הַקָּפוֹת, וֶוען אִידְן טַאנְצְן אוּן
<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, מֶען קֶען הֶערְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ וַוייל עֶר הָאט גָאלְדֶענֶע הֶענְט", "דֶער אִיז מַצְלִיחַ וַוייל עֶר הָאט אַ אַייזֶערְנֶע קָאפּ"; מֶען פַארְגֶעסְט אָבֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט גָאלְדֶענֶע הֶענְט אָדֶער אַ אַייזֶערְנֶע קָאפּ. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פִירְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ט, יא): "לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם, וְגַם לֹא לַנְּבֹנִים עֹשֶׁר וְגוֹ'".

מִיט דֶעם טַייטְשׁ מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין מו.): "שְׁכִינָה מַה לָּשׁוֹן אוֹמֶרֶת, קַלַּנִי מֵרֹאשִׁי, קַלַּנִי מִזְּרוֹעִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קְלָאגְט, דֶער קָאפּ טוּט מִיר וֵויי, דִי הֶענְט טוּט מִיר וֵויי, "עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז אַ 'גוּטֶע קָאפּ' בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה, אָדֶער 'גוּטֶע הֶענְט' בְּרֶענְגְט עֲשִׁירוּת", נִישְׁט דֶער אַייזֶערְנֶע קָאפּ מַאכְט רַייךְ, אוּן נִישְׁט דִי גָאלְדֶענֶע הֶענְט מַאכְט גֶעלוּנְגֶען, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר טוּעֶן מִיר אָן תְּפִילִין אוֹיף דִי הֶענְט אוּן אוֹיף דִי קָאפּ, מִיר בִּינְדְן צוּ אוּנְזֶער הֶענְט אוּן קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דוּרְכְדֶעם טוּעֶן מִיר וַוייזְן אַז אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן, אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן מְשַׁעְבֵּד זַיין אוּנְזֶער הַארְץ אוּן אוּנְזֶער קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר בִּינְדְן זִיךְ צוּ צוּ אִים, אוּן מִיר וַוייזְן אַז מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' הַאֲזִינוּ תשע"ז)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר נֶעגַאטִיוו, וָואס קֶען מֶען טוּן דֶערְצוּ?



### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע בְּרִיוְו אוּן שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶער אַזוֹיפִיל קֶען אִיךְ זָאגְן אַז אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן! דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן מִיר דִי כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, אִיךְ גֵיי דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן, אוּן נָאר דִי שִׁיעוּרִים גֶעבְּן מִיר כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר נֶעגַאטִיוו, זִי קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַ נֶעגַאטִיוֶוע שְׁטוּב, וואוּ מֶען רֶעדְט אַסַאךְ קֶעגְן מִיר, אִיךְ הַאלְט זִיךְ אָבֶער מִיט אַייזֶערְנֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ הַאלְטְן אֵייבִּיג רוּאִיג, מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר טַאקֶע אַז זִי הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין הוֹיךְ וָוארְט פוּן מִיר, מִיר הָאבְּן נָאר אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט גֶעלְט אוּן חוֹבוֹת. ב"ה אַז אִיךְ הָאבּ צְוֵויי לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אוּן מַיין וַוייבּ הָאט ב"ה אַ דְזְשַׁאבּ.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.**

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, שְׁנַת תשע"ז לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קב): "הַמַּאֲמִין בַּה', חַיָּיו טוֹבִים מְאֹד. כִּי אֲפִלּוּ כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו חַס וְשָׁלוֹם אֵיזֶה צָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אֲזַי הוּא גַּםכֵּן יָכוֹל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי בּוֹטֵחַ בַּה' כִּי הַכֹּל לְטוֹבָה", אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט אַ גוּט לֶעבְּן; וַוייל אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֵוייסְט עֶר אוֹיךְ אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, נָאר עֶר נֶעמְט אָן אַלֶעס לְטוֹבָה.

מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן אַ בָּחוּר וָואס פְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נָאךְ נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ?" אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ דַוְקָא אַזַא וַוייבּ?" אָבֶער וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זִיךְ מְבַטֵּל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גְלֵייבְּט מִיט אֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט בֶּעסֶער וִוי אִים וָואס אִיז גוּט פַאר אִים, אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז 'אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט מַיין שִׁידוּךְ אִיז דָאס גוּט פַאר מִיר', אוּן 'אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא וַוייבּ אִיז דָאס גוּט פַאר מִיר, אוּן אִיךְ דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע מַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ טְרֶעפְן דָאס גוּטְס אִין אִיר'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען קַיין אֵיין רֶגַע אַז אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן פוּן דִיר, אָדֶער אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ וִוי דִיר - דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, וַוייל אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי פְּרוֹי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, וָואלְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטֶע פְּרוֹי וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז זִי אִיז גוּט פַאר דִיר.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט פַיינְט אַ מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל אִים

<<<<<<

>>>>>>

פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, טָאר זִיךְ אַ אִיד נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ מִיטְפְרֵייעֶן, נִישְׁט זִיצְן אִין דִי זַייט אוּן קוּקְן וִוי יֶענֶער טַאנְצְט, נָאר אַרַיינְגֵיין אִינֶעוֵוייניִג צוּ טַאנְצְן צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידְן, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט מוֹרָא אַז מְ'וֶועט אִים אָנְקוּקְן אַז עֶר אִיז נַארִישׁ אַז עֶר טַאנְצְט אַזוֹי שְׁטַארְק, טָאר עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵייליִךְ אַלֶעמָאל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַאֲרִיךְ אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין זַיין לֶעבְּן, דַארְף עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין נָאר פְרֵייליִךְ שְׁטֶענְדִיג, אוּן זִיךְ אֲפִילוּ נַארִישׁ מַאכְן מִיט שְׁטוּתִים, אַבִּי עֶר זָאל זַיין פְרֵייליִךְ.

רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד', אוֹת ה') אַז וֶוען אַ אִיד זָאל וֶוען אֱמֶת'דִיג וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ, וִוי חָשׁוּב עֶר אִיז אִין הִימְל, וִוי גְרוֹיס עֶס אִיז דִי חֲשִׁיבוּת פוּן זַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וִוי טֵייעֶר עֶר אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּלוֹיז דֶערְפַאר וָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס אִיד; וָואלְט עֶר פוּן דֶעם אַלֵיין שׁוֹין גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵייליִךְ, אַז עֶר וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְצְן טָאג.

נָאר לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אִין גָלוּת, מִיר זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר שְׁפִּירְן נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז אוּן עֶר הָאט אוּנְז לִיבּ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען טְרֶעפְן אַלֶע סָארְט עֵצוֹת אוּן וֶועגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ פְרֵייליִךְ צוּ מַאכְן. אָבֶער וִוי נָאר אַ אִיד וֶוערְט פְרֵייליִךְ, וֶוערְט עֶר שׁוֹין דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶוערְט עֶר שׁוֹין פְרֵייליִךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן זַיין רֶבִּי'ן בַּיי אַ חֲתוּנָה פוּן אַ וַוייטֶע קָרוֹב, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָארְט זֵייעֶר גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, דֶער תַּלְמִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס רֶבִּי נָתָן טַאנְצְט אַזוֹיפִיל אוּן פְרֵיידְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי דִי חֲתוּנָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּלוֹיז אַ וַוייטֶער קָרוֹב, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל נָאנְט מִיט דִי מְחוּתָּנִים. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן עֶרְקְלֶערְט אַז עֶר טַאנְצְט בִּכְלַל נִישְׁט צוּלִיבּ דִי חֲתוּנָה, עֶר טַאנְצְט בְּלוֹיז וַוייל עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז אַ אִיד, אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיבּ אָבֶער וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען טַאנְצְן סְתָּם אַזוֹי אִין אַ גְרִינֶעם דִינְסְטָאג, וֶועט דָאס אוֹיסְזֶען זֵייעֶר מָאדְנֶע, אָבֶער אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אִים אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט אַז עֶר אִיז בַּיי אַ חֲתוּנָה, הָאט עֶר דָאךְ שׁוֹין אַלֶע רֶעכְטְן צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן דָארְט, אוּן דֶערִיבֶּער נוּצְט עֶר דָאס טַאקֶע אוֹיס צוּ דִי מַאקְסִימוּם...

יֶעצְט, וֶוען מִיר הַאלְטְן בַּיי דִי הֵיילִיגֶע הַקָּפוֹת, גֶעבְּט מֶען אוּנְז דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר דָאס אוֹיסְנוּצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם אוּן אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן גַאנְצְן כֹּחַ.

רֶבִּי נָתָן שְׁמוּעֶסְט אוֹיס בַּאֲרִיכוּת (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאר אַ טְרָאפּ שֵׂכֶל, אֲפִילוּ אַ גוֹי, אוֹיבּ וֶועט עֶר גוּט אַרַיינְטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶען אַז סְ'אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁטָא מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵייליִךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אָן אוֹיסְנַאם מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז סְ'אִיז אֱמֶת'דִיג נִישְׁטָא מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵייליִךְ. אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין יָא אַ גוּטְן טָאג, וֶוען עֶס גֵייט שׁוֹין יָא עֶפֶּעס גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אִיז עֶס גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט פִילֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן צָרוֹת.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען פְרֵייליִךְ מַאכְן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז נָאר אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס אַז סְ'אִיז נִישְׁט גוּט, אִיז בֶּאֱמֶת נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶר בְּלַייבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר אֵייבִּיג, אֵיין טָאג וֶועט עֶר אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן דַאן וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן זַיין רִיכְטִיגֶע לֶעבְּן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר הָאבְּן מְנוּחָה, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען שָׂכָר אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיף יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן אַן עֲבֵירָה, אוּן אוֹיף יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען אֱמֶת'דִיג זַיין פְרֵייליִךְ.

אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז סְ'אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט וָואס דָארְט בַּאקוּמְט מֶען שָׂכָר אוֹיף דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט בֶּאֱמֶת נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר בְּרָאט זִיךְ אוּן עֶר פְּרֶעגְלְט זִיךְ אִין צָרוֹת אוּן אִין יִסוּרִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן.

דֶערְפַאר זָאגְן מִיר בַּיי דִי הַקָּפוֹת דֶעם קַאפִּיטְל כ"ט אִין תְּהִלִּים, וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל אַוֶועקְצוּטְרַייבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דִי רוּחַ שְׁטוּת, דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין זַיין מֹחַ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן ו') "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה". וַוייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ וֶוערְן אֱמֶת'דִיג פְרֵייליִךְ אִיז נָאר דוּרְכְ'ן אַוֶועקְטְרַייבְּן פוּן זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה וָואס כַאפְּן זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ'ס מֹחַ. וִוי לַאנְג דִי רוּחַ שְׁטוּת גֶעפִינְט זִיךְ אִין אִים, עֶר הָאט נִישְׁט אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען זַיין פְרֵייליִךְ. אוֹיךְ דֶער שֵׁם מ"ב, וָואס דָאס אִיז דֶער "אָנָּא בְּכֹחַ", הָאט אוֹיךְ דִי סְגוּלָה אַוֶועקְצוּטְרַייבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַזִּיקִים וָואס ווִילְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוּן אִים אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אִים דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן.

וֶועט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן, "אִיךְ וֵוייס טַאקֶע אַז נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נֶעבֶּעךְ פַארְלוֹירְן מַיין אֱמוּנָה? אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעלֵיינְט מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהֶערְט מִיט כְּפִירָה'דִיגֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר מֶער נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי וַוייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טוּן?" אוֹיף דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ אוּנְז אוֹיסְצוּהֵיילְן אוּן אוּנְז אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דִי בְּלָאטִיגֶע זוּמְפְּן אִין וָואס מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"ג) אַז סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ בַּת מֶלֶךְ וָואס אַן אַכְזָרִיוּת'דִיגֶער קֶעניִג אִיז אִיר נָאכְגֶעלָאפְן אוּן אִיר גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען, זִי אִיז אַנְטְלָאפְן צוּ אַ פֶעסְטוּנְג פוּן וַואסֶער, אוּן דֶער קֶעניִג הָאט אִיר נָאכְגֶעשָׁאסְן מִיט צֶען עֶרְלֵיי פַיילְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט צֶען עֶרְלֵיי סַם, אוּן אַזוֹי אִיז זִי אַרַיינְגֶעלָאפְן אִינֶעם פֶעסְטוּנְג אוּן דָארְט גֶעפַאלְן חֲלָשׁוּת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "אוּן אִיךְ הֵייל זִי".

דִי בַּת מֶלֶךְ אִיז יֶעדֶער אִיד, וָואס אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַן אֵיינְצִיג קִינְד, אוּן דֶער שְׁלֶעכְטֶער רִשְׁעוּת'דִיגֶער קֶעניִג אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, עֶר אִיז דָאךְ אַזַא רָשָׁע מְרוּשָׁע, עֶר ווִיל נָאר הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם אִיד, עֶר ווִיל נָאר אִים דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דֶער יֵצֶר הָרַע שִׁיסְט אַרַיין אִינֶעם אִיד דִי פַיילְן וָואס זֶענֶען בַּאשְׁמִירְט מִיט סַם פוּן כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה, עֶר ווִיל אִים נָאר אַוֶועקְרַייסְן פוּן זַיין אֱמוּנָה, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וִוי נָאר דִי אֱמוּנָה וֶוערְט שְׁוַואךְ

<<<<<<

<<<<<<
בַּיי אַ אִיד אִיז עֶר שׁוֹין אַ פַּארְטִיגֶער, עֶר פַּארְלִירְט זַיין מוּט, עֶר פַּארְלִירְט זַיין לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן דֶער אִיד וֵוייסְט נִישְׁט שׁוֹין וִוי זִיךְ אַהִינְצוּטוּן.

דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר אִיז אוּנְזֶער דָאקְטֶער, עֶר קֶען אוּנְז אוֹיסְהֵיילְן. וֶוען מִיר זָאלְן אַוֶועקְוַוארְפְן אוּנְזֶער שֵׂכֶל אוּן נֶעמֶען דִי עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְז דִי גִיפְטִיגֶע סַם וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעשָׁאסְן אִין אוּנְז, מִיר וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אוּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען הֲנָאָה פוּן אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אַז וֶוען מְ'טַאנְצְט מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה, שְׁוֶוערְט מֶען אַז גְלַייךְ וֶוען מְ'וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, זָאל מֶען גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַ תִּיקוּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אַז עֶר זָאל שְׁוֶוערְן בִּנְקִיטַת חֵפֶץ אַז גְלַייךְ נָאךְ זַיין פְּטִירָה זָאל עֶר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים מְתַקֵּן זַיין (עַיֵּין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתמ"ה).

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אוֹיבּ דֶער כֹּחַ פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז מְ'קֶען דַאן פּוֹעֶלְ'ן צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מְ'קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֶלְ'ן אַז נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט בַּיים לֶעבְּן זָאל מֶען זוֹכֶה זַיין קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן צוּ פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט קֶענֶען בַּאקוּמֶען דֶעם רִיכְטִיגְן תִּיקוּן, אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

# וֶוען אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית?

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ, וָואס בַּארוּאִיגְט אִים דִי נֶערְוֶוען אַז עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אַזוֹי שְׁנֶעל, אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, וֶוערְט עֶר אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בַּאקוּמְט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן אוֹיטָאמַאטִישׁ אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג אִים צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ כַּעַס.

חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים, מִזְמוֹר ט"ז) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ט"ז, י"א) "שֹׂבַע שְׂמָחוֹת", אַל תִּקְרֵי שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶלָּא שֶׁבַע שְׂמָחוֹת, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי זִיבְּן מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת; דִי פִיר מִינִים פוּנֶעם לוּלָב, חֲגִיגָה, שִׂמְחָה, אוּן סוּכָּה. אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם, י"ז) אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּן פָּסוּק "שֹׂבַע שְׂמָחוֹת", אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף זִיבְּן חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַ שִׂמְחָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ; מִקְרָא מִשְׁנָה וְתַלְמוּד, הֲלָכוֹת וְאַגָּדוֹת, דִּקְדּוּקֵי תּוֹרָה וְדִקְדּוּקֵי סוֹפְרִים.

וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, בְּרֶענְגְט דָאס אִים אַ שִׂמְחָה, עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער אוּן רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ. אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע שִׂמְחָה אִיז "מִקְרָא", צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ, דָאס מֵיינְט מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם.

מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכַת יָמִים, אוּן דָא הָאבְּן מִיר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלָה פוּן חֲזַ"ל, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח'.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זֶעט מֶען אַ קְלָארֶע צוּזָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז וֶוער עֶס וֶועט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג') אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶּער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, פַּאקְטִישׁ זֶעט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה פְרַייטָאג, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע ווִינְטֶער פְרַייטָאגְס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל מֶען וִויל עֶס נָאר טוּן פְרַייטָאג.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פְּשׁוּטֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה אִין דִי תּוֹרָה אִיז פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, דָאס אִיז אַ לַאנְגֶע פַּרְשָׁה, אוּן רוֹב יָארְן קוּמְט אוֹיס אַז פוּן נָאךְ סוּכּוֹת אִיז אֲפִילוּ נִישְׁטָא קֵיין גַאנְצֶע וָואךְ צַייט מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אַמָאל אִיז דָא עֶטְלִיכֶע טֶעג פוּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אוּן צוּמָאל אִיז בְּלוֹיז דָא נָאר אַ שַׁבַּת בְּרֵאשִׁית.

וֶוען עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַאן נֶעמְט זִיךְ יֶעדֶער אִיד פָאר אַז עֶר גֵייט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מְ'גֵייט פְּרוּבִּירְן יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה. אוּן וֶוען עֶס קוּמְט נָאךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה, כַאפְּט מֶען זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אַז מְ'גֶעבְּט זִיךְ נָאר אַ דְרֵיי אוּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אִיז שׁוֹין פַארִיבֶּער, מֶען הַאלְט שׁוֹין פַּרְשַׁת נֹחַ, אוּן אוֹיבּ פַארְפַּאסְט דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה, פַארְלִירְט מֶען שׁוֹין דִי חֵשֶׁק וַוייטֶער מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיךְ בַּיי פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אִיז דָא דִי הֲלָכָה אַז מְ'קֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג. נָאךְ אִינְמִיטְן חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי פַּרְשָׁה, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז צוּ שַׁבַּת בְּרֵאשִׁית וֶוען מְ'הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט גְרִינְגֶערְהֵייט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה. אוּן אַז מֶען הוֹיבְּט אָן דָאס יָאר מִיטְ'ן רֶעכְטְן פוּס, וֶועט שׁוֹין דִי גַאנְצֶע יָאר גֵיין מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין יֶעדֶע וָואךְ דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה.

אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּם יוֹם טוֹב, בְּרֶענְגְט דָאס אִים פַּרְנָסָה פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר. דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים ט"ז, ט"ו) "וְהָיִי'תָ אַ'ךְ שָׂמֵ'חַ", אִיז חַתָ"ךְ, וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, וָואס אִיז אוֹיךְ דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ"ה ט"ז) "פּוֹתֵ'חַ אֶ'ת יָדֶ'ךָ". אוּן דִי זֶעלְבֶּע סְגוּלָה בַּאקוּמְט מֶען אוֹיךְ דוּרְכְ'ן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח'.) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ לַאנְג לֶעבְּן, אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט לֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, גֶעבְּט עֶר אִים שׁוֹין אוֹיךְ מִיט פַּרְנָסָה פַארְ'ן לֶעבְּן, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, בְּשַׁלַּח, כ') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ט"ז, ד') "דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ; מִי שֶׁבָּרָא יוֹם, בָּרָא פַּרְנָסָתוֹ", אוּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת "בְּרֵאשִׁי'ת נֹ'חַ לֶ'ךְ" אִיז אוֹיךְ חַתָ"ךְ, דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה.

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֱמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת. נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, זָאלְן מִיר זִיךְ הַאלְטְן אַלֶעמָאל רוּאִיג אוּן נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט. אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן פוּן פְרִישׁ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְן מִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי פַּרְשָׁה, אוֹיף אַ וֶועג אַז מִיר זָאלְן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה יֶעדֶע וָואךְ, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, אוּן נָאךְ אִינְמִיטְן חוֹל הַמּוֹעֵד זָאלְן מִיר שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אוּן אַזוֹי וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶע פְרֵיילִיכֶע יָאר מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ נָאר וואוּנְטְשְׁן.

(קוּנְטְרֵס יוֹם טוֹב סוּכּוֹת)

<<<<<<
הַרְגְ'עֶנֶען אוּן צוּנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן; עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן פוּן זַיין לֶעבְּן, פוּן זַיין וַוייבּ אוּן פוּן זַיינֶע קִינְדֶער. עֶר רֶעדְט אַיין פַארְן מֶענְטְשׁ אַז אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן, אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ, בֶּעסֶערֶע קִינְדֶער, אַ בֶּעסֶערֶע דְזְשַׁאבּ וְכוּ'. עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט אִין קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ "עֵירוּב טוֹב וָרַע"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַלֶע הוֹיכֶע וֶוערְטֶער אִיז פַאר אוּנְז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן, אוּן מִיר קֶענֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין. "עֵירוּב טוֹב וָרַע" מֵיינְט, אַז וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם "עֵץ הַדַּעַת" אִיז גֶעשֶׁען אַ "עֵירוּב טוֹב וָרַע", אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט: 'בַּיי מִיר אִיז שְׁלֶעכְט, אוּן בַּיי יֶענֶעם אִיז גוּט'; מֶען מֵיינְט אַז דִי "טוֹב" אִיז בַּיי יֶענֶעם, אוּן דֶער "רַע" אִיז בַּיי מִיר. אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל טְרַאכְטְן אַז בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גוּט, אוּן בַּיי יֶענֶעם וֵוייס אִיךְ נִישְׁט, אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט וִויסְן; טְרַאכְט מֶען דִי גַאנְצֶע צַייט: 'פַארְוָואס בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט גוּט?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַזַא וַוייבּ וְכוּ'?' אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט, אוּן אוֹיף וָואס מֶען הָאט נִישְׁט - מַחֲלוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד גֵייט שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, עֶר טַאנְצְט אוּן זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר אִיד, אַ תַּלְמִיד "הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ", אַ מוֹרָא'דִיגֶע וָוארְט; עֶס אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם, אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר", אוּן עֶר זִינְגְט דָאס מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס הָאט אַלֶע חֵן אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען קוּים דוּרְךְ שְׁטוּפְּן דִי וָואךְ, אוּן קוּים וָואס עֶר הָאט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם גֵייט עֶר אַרוּם אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אוּן זִינְגְט: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר".

דֶערְפַאר זֶע אוֹיךְ צוּ זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר" - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס. ר' נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אִים אוּן לוֹיבְּט אִים, זָאגְט עֶר פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְטְס אָן דֶעם אִיד, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר דַאנְקְט מִיךְ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס גוּט מֵיינְט", אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְט מֵיינְט".

אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי פְרֵיילִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן; גֶעדֶענְק וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט לֶעבְּן, הָאסְט נָאר גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, יֶעצְט הָאסְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן דוּ הָאסְט צְוֵויי לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער, זַיי פְרֵיילִיךְ! טְרַאכְט נִישְׁט: "נֶע, מַיין וַוייבּ אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע, אַן עֶקְלְדִיגֶע וְכוּ', זִי אִיז נֶעגַאטִיוו וְכוּ'", זוּךְ אוֹיף וואוּ דוּ קֶענְסְט טְרֶעפְן אִין אִיר אַ נְקוּדָה טוֹבָה, אוּן זֵיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת. מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים, אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד פַאר דִי פָּאר יָאר וָואס מִיר לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אוּן בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

BreslevCenter.com\answers

# קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה?

דֶער גָאוֹן רֶבִּי שִׁמְעוֹן שְׁוַואבּ זַצַ"ל אִיז גֶעפָארְן אַלְס בָּחוּר פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין פּוֹילְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין יְשִׁיבָה אִין דִי שְׁטָאט מִיר, אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אִין שְׁטָאט רַאדִין צוּ טְרֶעפְן דֶעם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זי"ע אוּן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה. בַּיים חָפֵץ חַיִּים אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַ בָּחוּר וָואס לֶערְנְט פְלַייסִיג, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין אֵיירָאפֶּע צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים זֵייעֶר מְקַרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעלַאדֶענְט צוּ זִיךְ אַהֵיים אוֹיף שַׁבָּת.

דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שַׁבָּת שִׁירָה, וֶוען מְ'לֵיינְט אִין דִי פַּרְשָׁה וֶועגְן דִי מָן. בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע גֶערֶעדְט פוּן דִי מָן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעקוּשְׁט דִי פִינְגֶער מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן גֶעשְׁמַאק אוּן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי מָן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "מָן מָן! וָואסֶערֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעֲמִים הָאט דִי מָן גֶעהַאט! מֶען הָאט דָאךְ גֶעקֶענְט שְׁפִּירְן אִין דִי מָן אַלֶע טַעֲמִים פוּן דִי וֶועלְט!"

רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז דָארְט גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ נֵייגֶערִיגֶער בָּחוּר אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקַייט צוּ פְרֶעגְן דֶעם חָפֵץ חַיִּים זי"ע, "אוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן קַיין שׁוּם טַעַם אִין דִי מָן, וָואסֶערֶע טַעַם הָאט עֶר גֶעפִילְט?"...

הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע אִים גֶעזָאגְט אַזוֹי, "קוּק אַהֶער, אִין דִי תּוֹרָה אִיז דָאךְ אוֹיךְ דָא אַלֶע טַעֲמִים אִין דִי וֶועלְט, סְ'דָא פְּשַׁט רֶמֶז דְרוּשׁ אוּן סוֹד, אֵיינֶער הָאט מֶער לִיבּ צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן אוּן אַ צְוֵוייטֶער מֶער פָּשׁוּט, אֵיינֶער הָאט מֶער לִיבּ פָּשׁוּט פְּשַׁט אוּן אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער לִיבּ דְרוּשִׁים אוּן פִּלְפּוּלִים, אֵיינֶער הָאט לִיבּ דְרוּשׁ אוּן אַ צְוֵוייטֶער וִויל מְחַדֵּשׁ זַיין אֵייגֶענֶע חִידוּשִׁים, סְ'דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל חֲלָקִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זִיךְ טְרֶעפְן זַיין ווִינְקֶל וָואס עֶר הָאט לִיבּ אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין דֶערְמִיט, עֶר קֶען שְׁפִּירְן אִין דִי תּוֹרָה גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעֲמִים".

דֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע הָאט ווִידֶער גֶעקוּשְׁט דִי פִינְגֶער מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "תּוֹרָה תּוֹרָה! וָואסֶערֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעֲמִים אִיז דָא דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! מֶען קֶען דָאךְ שְׁפִּירְן אִין דִי תּוֹרָה אַלֶע טַעֲמִים פוּן דִי וֶועלְט! ווִידֶער זֶענֶען אָבֶּער דָא מֶענְטְשְׁן, אוּן אוֹיךְ בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, וֶועלְכֶע דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, זֵיי פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, ווִיפִיל מְ'זָאל זֵיי זָאגְן אַז דִי תּוֹרָה אִיז זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, שְׁפִּירְן זֵיי אָבֶּער נִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם אִין דֶעם"...

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְרַאגֶע, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל צוּ אוֹיסְוֶועלְן אַ גוּטֶע טַעַם וָואס עֶר וִויל פִילְן אִין דִי מָן, הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין שׁוּם טַעַם דֶערִין, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל נִישְׁט שְׁפִּירְן קַיין טַעַם, שְׁפִּירְט עֶר טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר פַארְפַּאסְט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר וָואלְט זִיךְ וֶוען גֶעקֶענְט בַּאלֶעקְן דִי פִינְגֶער, אֵיינֶער וָואס הָאט אָבֶּער דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, וֶועט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין שְׁפִּירְן דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אוּן דָאס אִיז וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (מְכִילְתָּא, בְּשַׁלַּח) "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה אֶלָּא לְאוֹכְלֵי הַמָּן", דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן נָאר פַאר דִי וָואס הָאבְּן גֶעגֶעסְן דֶעם מָן. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קֶען עֶר שְׁפִּירְן אִין דֶעם אַלֶע גוּטֶע טַעַם, פּוּנְקְט ווִי בַּיי דִי מָן.

אַ אִיד קֶען טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ, "נֶע, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר, אִיךְ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גוּטֶע קָאפּ אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אִיךְ בִּין אַן אוּמְגֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד זִיךְ צוּ זֶעצְן לֶערְנֶען, אִיךְ גֶעדֶענְק סַיי ווִי נִישְׁט וָואס אִיךְ לֶערְן, אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זַיינֶע אֵייגְנַארְטִיגֶע תֵּירוּצִים פַארְוָואס דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אִים. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַאר יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם, אוּן יֶעדֶער אִיד הָאט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם גֶעשְׁמַאקְן זִיסְן טַעַם פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס וֶועט אִים גֶעבְּן אַ טַעַם אוּן סִיפּוּק אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו), אַ וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַז מְ'קֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אֲפִילוּ מְ'פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מְ'זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ מְ'גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מְ'לֶערְנְט. אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען יֶעדֶער אִיד לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מְ'הָאט אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ, אֲפִילוּ וֶוען מְ'הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, אֲפִילוּ וֶוען מְ'הָאט נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע חַבְרוּתָא אוּן מַגִּיד שִׁיעוּר, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ'הָאט נִישְׁט גֶענוּג צַייט; מְ'דַארְף בְּלוֹיז עֶפֶענֶען אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְּמָרָא, אַ מֶדְרָשׁ, אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער; מִיט דֶעם הָאט מֶען דִי מִצְוָה פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד בַּאוַוייזְן, כָּאטְשׁ אַפָּאר שׁוּרוֹת תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל פַארְגֶעהַאלְטְן אַ אִיד פַארְוָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ד), הָאט דֶער אִיד זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף עֶר פְּרוּבִּירְן אַרָאפּ צוּ גַנְבְ'עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מִיט דֶעם אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ל"א.) אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?", בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט יֶעדְן טָאג אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער דָאס וָוארְט "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גַנְבְ'עֶנֶען, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ב, כ"ג) "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ". דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפְּגֶע'גַנְבְ'ט עֶפֶּעס צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

וֶוען אַ אִיד הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר וֵוייסְט דָאךְ בַּיי זִיךְ ווִי אַזוֹי זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן לוֹיפְן דוּרְךְ מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ ווִיפִיל צַייט עֶר פַארְבְּרֶענְגְט אוּן ווִי וֶוויינִיג עֶר אִיז אָנְגֶעבִּינְדְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן עֶר נֶעמְט דֶעם "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז יֶעדְן טָאג וֶועט עֶר עֶפֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, דַאן קֶען עֶר זִיךְ אֱמֶת'דִיג פְרֵייעֶן אוּן טַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה, וַוייל עֶר וֵוייסְט שׁוֹין אַ וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן זַיין מְקוּשָׁר מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

# מְ'מִישְׁט אַרִיבֶּער צוּ אַ נֵייעֶם בְּלֶעטְל

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו) אַז בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ פְּרָאבְּלֶעם, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי פַארְגֶעסְן זַאכְן אוּן זֵיי הָאבְּן צַעַר פוּן דֶעם. אָבֶּער – הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט – בַּיי מִיר הָאט שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וֶוען נִישְׁט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר וָואלְט אַלֶעמָאל גֶעדֶענְקְט אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס זֶענֶען אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אוּן דָאס וָואלְט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אִין לֶעבְּן, אַזוֹי ווִי אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, קֶען עֶר אַלֶעמָאל אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי, עֶר קֶען פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן אֵייבִּיג אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַ אִיד קֶען הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אַז עֶר פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי דֶעם מֶדְרָשׁ (וַיִּקְרָא רַבָּה י"ט, ב') אַ מָשָׁל צוּ אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעדוּנְגֶען אַרְבֵּייטֶער אַז זֵיי זָאלְן אִים אָנְפִילְן פֶּעסֶער, דִי פֶּעסֶער זֶענֶען אָבֶּער גֶעוֶוען גֶעלֶעכֶערְט אוּן וָואס מְ'הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן דָארְט אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶערִינֶען, הָאבְּן דִי נַארִישֶׁע אַרְבֵּייטֶער גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיבּ גִיסְט זִיךְ סַיי ווִי אוֹיס אַלֶעס וָואס מְ'לֵייגְט דָארְט אַרַיין, אִיז דָאךְ אַ שָׁאד אוֹיף דִי אַרְבֶּעט; ווִידֶער דִי קְלוּגֶע אַרְבֵּייטֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט, "וָואס גֵייט אוּנְז דֶען אָן אַז סְ'גִיסְט זִיךְ אוֹיס? מִיר בַּאקוּמֶען דָאךְ בַּאצָאלְט אוֹיף יֶעדְן טָאג וָואס מִיר אַרְבֶּעטְן, מִיר וֶועלְן בַּאקוּמֶען אוּנְזֶער שָׂכָר אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִינֶעם פַאס. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, וֶועט עֶר אָבֶּער בַּאקוּמֶען אַסַאךְ שָׂכָר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי גֶעמַאכְט אַז מְ'זָאל פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען, כְּדֵי מְ'זָאל אַלְץ הָאבְּן אַ פְרִישֶׁע חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (קֹהֶלֶת רַבָּה א', ל"ד).

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי צַייט צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מְ'הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהוֹיבְּן יֶעצְט מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי תּוֹרָה עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער (דְּבָרִים ל"ד, י"ב) "לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל", זָאגְט אוֹיף רַשִׁ"י אַז משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת, וָואס דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז מְ'זָאל פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען (עַיֵּין בְּרָכוֹת ח':), אוּן גְלַייךְ הוֹיבְּט מֶען נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ צוּ לֶערְנֶען בְּרֵאשִׁית. דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, הָאט עֶר דִי כֹּחַ אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל פוּן פְרִישׁ. אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הוֹיבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען פִירְט זִיךְ אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה אַז וֶוען מֶען הוֹיבְּט אוֹיף דִי סֵפֶר תּוֹרָה בַּיי הַגְבָּהָה הוֹיבְּט מֶען עֶס אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע זַייט, דֶער וָואס הוֹיבְּט אוֹיף דִי סֵפֶר תּוֹרָה זֶעט נָאר דִי לֵיידִיגֶע זַייט פוּן דִי פַּארְמֶעט. דָאס קוּמְט לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה, עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, זָאל עֶר נִישְׁט זָאגְן אַז עֶר דַארְף שׁוֹין מֶער נִישְׁט לֶערְנֶען, נָאר מְ'וַוייזְט אִים אַ לֵיידִיגֶע פַּארְמֶעט אַז עֶר הָאט נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, עֶר דַארְף יֶעצְט נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט זִיךְ ווִי אַ לֵיידִיג שְׁטִיקְל פַּארְמֶעט, עֶר הָאט מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט קַיין תּוֹרָה אִין זִיךְ, קֶען עֶר אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס אִיז יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן הוֹיבְּט יֶעצְט אָן זַיין לֶעבְּן מִיט גָאר אַ נֵייעֶם גֶעשְׁמַאקְן חֵשֶׁק.


## בית המדרש היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

## על הטוב יזכרו

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר

**מו"ה חיים ווייס הי"ו**

**און מו"ה משה ווייס הי"ו**

**וועלכע האבן מנדב געווען די סעודת הילולא פון הייליגן רבי'ן**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות פונעם הייליגן רבי'ן זאל זיי בייזשטיין צו האבן אלעס גוטס, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה בנציון לאנדא הי"ו**

**צו זיין געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך > 212-444-9191 /**

845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפּיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן